בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' שמות תש"פ | Vol. 3-A

United Jewish Community of Blooming Grove


**זמנים לשבת קודש פרשת שמות כ"א טבת תש"פ**
זמן הדלקת הנרות 4:39 • סוף זמן קריאת שמע 9:07 • זמן מוצאי שבת 6:08

קומענדיג נאָענטער צו די היסטאָרישע עלעקשאָנס אין בלומינגראָוו:

# "יו.דזשעי.סי." אין העפטיגן געזוך נאָך פּאַסיגע קאַנדידאַטן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אַרויסצושטעלן אין די בעפאָרשטייענדע וואַלן

אַ שטיקל כראָנאָלאָגיע פון די אָנגייענדע אומערמידליכע באַמיאונגען אויסצושטעלן אַ שטאַרקן "טיקעט" פון פּאָטענציאַלע קאַנדידאַטן אויסצופולן די ווילעדזש אַמטן מיט סימפּאַטישע פאָרשטייער

זייט 2

## מהנעשה והנשמע נייעס אין בלומינגראוו

זייט 7

## דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פאַרטרעטער

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראוווער איינוואוינער, בכל עת מצוא

שמועס מיט הרבני
החסיד המרומם מוה"ר
**אברהם משה הכהן ווייס** הי"ו
אקטיווער און געטרייער באורד מעמבער אין "יו.דזשעי. סי."

זייט 5

## העסליכע "אַנטי-ציבור אַגענדע" פון מעיאָר און טראָסטיס דאָמינירט ווידעראַמאָל "ווילעדזש מיטינג" מיט האַרטנעקיגע רעזאָלוציעס קעגן די איינפאַכע פאַרלאַנגען פון די אידישע איינוואוינער

פאַר'עקש'ן זיך ווייטער צו פירן זינלאָזן געריכטליכן שטרייט קעגן ביהמ"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר רינאָוקע — האַרטנעקיגע מעלדונג אַז "בלומינגראָוו שאָטעל" פאַרבלייבט ווייטער פאַרהאַקט און געשטראַנדעט ביז'ן קומענדיגן געריכט, צום איסטערלישן ווייטאָג פונעם ציבור — ומשנאיך נשאו ראש!

זייט 4

## בימים ההם בזמן הזה...

2

גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאוויושט"א
מוה"ר **חיים הערש ליימזידער** שליט"א
לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל" בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע

זייט 8

# "יו.זשעי.סי." אין העפטיגן געזוך נאָך פּאַסיגע קאַנדידאַטן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אַרויסצושטעלן אין די בעפאָרשטייענדע וואַלן

## אַ שטיקל כראָנאָלאָגיע פון די אָנגייענדע אומערמידליכע באַמיאונגען אויסצושטעלן אַ שטאַרקן "טיקעט" פון פּאָטענציאַלע קאַנדידאַטן אויסצופולן די ווילעדזש אַמטן מיט סימפּאַטישע פאָרשטייער

בלומינגראָוו. – דער דאַטום פאַר די בעפאָרשטייענדע לאָקאַלע ווילעדזש-וואלן דא אין שטאט ווערט נאענטער און דערמיט פאַרשטאַרקן זיך אויך די העפטיגע באמיאונגען פון "יו.זשעי.סי." צו טרעפן און אנגאזשירן די פאסיגע קאנדידאטן פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג וואס מ'זאל קענען צונויפשטעלן אין אַ אידן-פריינטליכן טיקעט וואָס זאָל זיין סימפאטיש לטובתינו אז דער היימישער ציבור תושבי הישוב זאלן זיי אַריינצואוועלן בעז"ה.

ולמעשה האט זיך אָבער ארויסגעשטעלט, אַז דאס טרעפן פאסיגע קאנדידאטן וואָס זאָלן זיין סיי געאייגענט פאַר דעם אַמט און סיי סימפאטיש צו אונזערע געברויכן, איז גאָרנישט אַזאַ לייכטע אונטערנעמונג, און שטייענדיג יעצט קוים געציילטע וואָכן בעפאָר דעם "דעדליין" פאַר איינוואוינער אריינצוגעבן זייער קאַנדידאַטור, האָט מען נאָך פאַקטיש נאָך אַלץ נישט מצליח געווען צונויפשטעלן אַ זאַכליכן טיקעט.

דער באָורד האט אין די פארגאנגענהייט העפטיג געזוכט, גענישטערט און נאָכגעגאַנגען אין יעדער פארשלאג אדער אפציע וואס איז נאָר אַריינגעקומען, וואס האט סיי וועלכע אויסזיכט צו קענען דורכגעפירט ווערן הלכה למעשה. דאָס האַלט שוין אָן באַלד צוויי חדשים וואָס מ'פּרובירט מיט אַלע כוחות אויפצוקומען מיט קאַנדידאַטן פון דער דרויסנדיגער גאַס.

ס'האט זיך אָבער אין רעאַליטעט אַרויסגעוויזן, אַז אין דער היינטיגער נישט-פריינטליך געשטימטע אַטמאָספערע אין אַפּסטעיט קעגן היימישע אידן, איז זייער שווער צו טרעפן דאָ לאָקאַל אַ גוי וואס זאל ליב האבן א איד, און ווען מ'טרעפט שוין איינעם וואס וואָלט געקענט באַשטיין זיך צו דערדראַפּען צו דער פרעסטיזשפולער מעיאר פאזיציע, קען מען אָבער תיכף דערשמעקן אז ער איז דא "בלויז פאַר'ן בענקל", אָן קיין גרייטקייט זיך צו פאַרפליכטן צוצושטעלן די מינימאַלע פאַרלאַנגען פון דעם היימישן ציבור.

והשלישית איז דאָ אַ פּראָבלעם וואָס איז זייער שכיח, אַז ס'זענען פארהאן אזעלכע עלעמענטן וואָס זענען "פּוסחים על שני סעיפים", צי אידיש גערעדט: זיי זענען צוויי-פּנים'דיג, און מ'קען מיט זיי נישט וויסן וואו מ'האלט מיט זיי, הלנו או לצרינו... זענען זיי גרייט צו זיין יושר'דיגע פאַרטרעטער וואָס וועלן האבן די קוראַזש צו אַרבעטן פאר יעדן צוגלייך אָדער האַלטן זיי נישט ביים זיך קימערן מיט אונזערע פאַרלאַנגען?

▪ ▪ ▪

איין אַזאַ עפּיזאָד האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר צוויי וואָכן צוריק, ווען עטליכע תושבים האבן געברענגט פאַר'ן באורד אַן אנגעבליכער פאסיגער קאנדידאט, וועלכער וואָלט לויט זיי גוט געווען פאר'ן מעיאר אמט. די באָורד-מיטגלידער האָבן זיך תיכף פאַרבינדן מיט'ן 'קאַנדידאַט' זיך ווענדיג אַראָפּזעצן און הערן פון אים וויאַזוי מ'וועט קענען אַרבעטן מיט אים אינעם צוקונפט.

דער טעלעפאן רוף איז געווען אויף אַ מיטוואך נאכט און מ'האט מיט דעם פאַרשוין אָפּגערעדט אז מ'הערט אז ער איז א פיינער מענטש און וויל זיך אריינלאזן אין פאליטיק, און אז די באורד פון "יו.זשעי.סי." וויל זיך אַראָפּזעצן די קומענדיגע וואָך מיט אים. מ'האָט נישטאַמאָל אָנגעגעבן פּינקטליך איבער וואס די רעדע איז, נאָר בלויז געבעטן אַ מיטינג זיך צו טרעפן.

למעשה, ווען ס'איז אָנגעקומען מוצאי שבת קודש און דער באורד רעפּרעזענטאַנט האָט געעפענט זיין טעלעפאָן, האָט ער געזען ווי ס'נעמען זיך אַריינפליסן פילע מעסעדשעס... וואָס גייט פאָר?

ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט איז דער אנגעבליכער "פאסיגער קאנדידאט" געגאנגען דערציילן פאַר'ן יעצטיגן מעיאר, אז די לאָקאַלע אידן זוכן זיין קאנדידאטור, און דער מעיאָר האָט זיך גענומען בונטעווען...

עטליכע טאג דערויף, ווען דער עסקן איז פערצופאַל געווען אינעם "ווילעדש האל" פאַר אַ רעגולערע עסקנות-מיסיע לטובת הציבור, האט ער זיך דאָרט אָנגעטראָפן מיט'ן אַמטירנדן מעיאָר וואס האט אים גאר העסליך אַטאַקירט מיט מיאוס'ע לאָזונגען איבער דעם, היתכן אז די אידן זוכן נייע קאנדידאטן אים אַרויסצושטימען!

(דער ווערטער-אָנגריף איז געקומען אן דעם וואס דער רעפּרעזענטאַנט זאל האבן געזאגט 'איין ווארט' פאר'ן מעיאר בכלל. ער איז בלויז אריין אין אפיס פון ווילעזש עפּעס ערלעדיגן. צום מזל האָט דער עסקן אַלעס רעקאָרדירט, אַז אין פאַל ס'וועט זיך אויספעלן זאָל מען דאָס קענען באַניצן אַלס האַרטע באַווייזן.)

דאָ האט זיך ווידעראמאל ארויסגעשטעלט ווי אַ פּרואוו אַפּירצוטרעפן אַ פאסיגן קאנדידאט האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ וויסטער דורכפאל! נאך בעפאָר זיך בכלל אראפּזעצן מיט יענעם, נאָך בעפאָר מ'האָט אים בכלל געזאָגט גענוי וואָס מיר ווילן בכלל פון אים האָבן, איז ער שוין געווען אַ "פּוסח על שתי הסעיפים" און געלאפן דערציילן דעם מעיאר און אנגעדרייט אומזיסטיגע פּראָוואָקאַציעס וואָס ברענגט נישט קיין ניצן פאַר קיינעם.

▪ ▪ ▪

אַן אַנדערע געשיכטע האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט אַ צווייטן פארשוין, וועלכער האט גראַדע געשיינט צו זיין אַ זאַכליכער פּאָטענציאַלער קאנדידאט פאר'ן מעיאר אמט. ער איז א מענטש מיט א רעפּוטאציע אַלס לאַנגיאָריגער אדוואקאט, מיט יארן עקספּערטיז אין מוניציפּאַלע הינזיכטן, וועלכער האָט אויך געגעבן די איינדרוק צו זיין סימפּאַטיש צו אידן און צו אונזער אָנוועזנהיט.

הכלל, די באָורד-מיטגלידער האָבן זיך מיט אים פאַרבינדן און נאך לענגערע זיצונגען און העפטיגע פארהאנדלונגען איז געבליבן, אַז מ'איז גרייט צו גיין א טריט ווייטער און דער קאנדידאט איז אריין און ווילעדש פארלאנגען די נויטיגע פאפירן אין איינקלאנג מיט'ן לעגאַלן פּראָטאָקאָל און פאָרגעשריבענעם פראצעדור אריינצוגעבן זיין קאנדידאטור פאַר'ן מעיאָר אַמט.

אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך אַרומגעזען וואָס זיין ציל איז, האָבן זיי אים אָנגעהויבן אַרומפירן און פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט פאַרטושנדע מיסאינפאָרמאַציע, וואס איז אויסער אומעטיש און נישט מענטשליך אויך נישט לעגאַל און אין שאַרפן קעגנגזאַץ צו די פאָרשריפטן.

למעשה, זעענדיג ווי ער קומט מיט זיי נישט אָן אין ערגעץ, איז דער פּאָטענציאַלער קאנדידאט דעם נעקסטן טאָג אראפגעגאנגען צו דער "באורד אוו עלעקשאנס" פון "אראנדזש קאַונטי" און בלויז דארט האט ער געקענט דערהאַלטן די נויטיגע אינפארמאציע און דאָקומענטן אויסצופילן צו קענען אָנהייבן דעם פּראָצעדור.

און אָט דאָ האָט עס פּאַסירט. בלויז איין טאג דערויף איז די ווילעדזש-טראָסטי, פרוי וואלגעסבורג, א טרויעריג-באַקאַנטע אנטיסעמיטקע, נישט מער און נישט ווייניגער אראפגעגאנגען און אַריינגעקלאַפּט אין

שטוב פון דעם קאַנדידאַט, זיכער מאכן אויב ער וואוינט טאקע דא אין דעם דיסטריקט, און דערביי אים אויך אָפּגעשראָקן און שאַנטאַזשירט אויף אַ גאָר פרעכן פאַרנעם, אַז אויב מ'וועט אים כאַפּן ביי דאָס און דאָס דאַן וועט מען זיך זיך באַנעמען בכל חומר הדין אא"וו.

אַזוי אויך האָט מען אָנגעדרייט אַז פון די לאקאלע "סקול דיסטריקט" האט דער קאנדידאט באַקומען אַ סעריע מעסעדזשעס און אָנשרעקענישן, וואָס האָבן אלע געהאַט דעם ציל, אים אָפּצוהאַלטן פון פאראויסגיין מיט זיין קאנדידאַטור צו לויפן קעגן דעם עקזיסטירנדן מעיאָר און זיך ארויסשטעלנדיג יושר'דיג צו די אידישע איינוואוינער.

די אַלע שיקאַנירונגען האָבן איפגעטון דאָס זייעריגע. עס האט גאר שטארק אנטמוטיגט דעם קאנדידאט פון נעמען ווייטערדיגע שריט און ער האָט זיך באַשלאָסן אַז ער שטייט אַוועק פון דעם גאַנצן עסק. ער האט זיך טאקע פארבינדן מיט די עסקנים און זיי אָפיציעל איינגעמאָלדן זיין באַשלוס אויפצוגעבן זיין קאַנדידאַטור אין ליכט פון די אויסטערלישע דרוק וואָס ער איז אַריבער.

ער האָט אָבער צוגעלייגט, אַז זייענדיג אַ פּראָפּעסיאָנאַלער געזעץ-פּראַקטיצירער, ווייסט ער קלאָר אַז די אַלע דערקוטשערייען און די אומרעכטן וואָס מ'איז קעגן אים אַזוי פרעך און אָפן באַגאַנגען גרעניצן זיך מיט אומלעגאַלער אַקטיווויטעט, און אין די קומענדיגע טעג האָט ער בדעה אַריינצוגעבן אַן אָנקלאַגע, אַ "ציוויל לאו סאוט", קעגן דעם ווילעדש און ספעציעל קעגן די טראסטי פרוי וואגעלסבערג, און ער וויל פאַרלאַנגען אַנטשעדיגונגס געלטער פאַר די שאָדנס וואָס ער איז אויסגעשטאַנען.

די באָורד-מיטגלידער פון "יו.זשעי. סי." זענען געווען זייער שאָקירט פון דער אַנטוויקלונג, אַז נאָכ'ן אינוועסטירן אזויפיל צייט, קאפּ און מח צו טרעפן א קאנדידאט און זיך דורכקומען אויף אַלע אישוס, זאָל די גאַנצע האָרעוואַניע זיך צעפאַלן צוליב די ווילדע און פּראָוואָצירנדע שריט פון דער יעצטיגער ווילעדזש אַדמיניסטראַציע וואָס מאַכט נישט קיין סוד אַז זיי פּרובירן צו טאָרפּעדירן יעדן פּרואוו פון אַ נייעם קאַנדידאַט צו קענען אָנקומען צום מעיאָר אַמט.

די באָורד-רעפּרעזענטאַטן פּרובירן נאָך צו באַאיינפלוסן דעם קאַנדידאַט אַז ער זאָל צוריקדרייען זיין באַשלוס און יאָ לויפן, ווייל ער איז באמת אַ געטרייער און פּאסיגער מענטש, אָבער לעת עתה וויל ער זיך נאָכנישט לאָזן איבערלאָזן, נאָכ'ן ווערן אַזוי טעראָריזירט פאַר בלויז זיין מחשבה צו לויפן אין די וואַלן קעגן דעם מעיאָר.


United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein
Board Chairman

Joel Stern
Board Representative

Robert S. Rosborough IV
Board Counsel

Joseph Weinberger
Finance / Fundraising

Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Kraus
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
Board members

וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור

אין ליכט פון די בעפארשטייענדע וואל סעזאן

טוען מיר איינמעלדן אז עס ווערט געפלאנט
בעזהשי"ת אדורכצופירן א גרויסארטיגע

אסיפת עסקנים

איינצושפאנען א מאכטפולע כח העסקנות
למען קיום הישוב בעירינו בלומינגראוו יע"א

מיט א כח השלום והאחדות וועלן מיר אינאיינעם באווייזן אז מ'זאל
אוועקשטעלן בדרך התורה, אז די ווילעדזש זאל זיך פירן מיט יושר און געזעץ, אז
מ'זאל קענען בויען בתי מדרשים און מקוואות, און מרחיב זיין די גבולי הקדושה

פּרטים און דעטאַלן וועלן נאָכפאָלגן...

בכבוד רב די קאָמיטע


■ ■ ■

אַזוי צי אַזוי האט זיך ארויסגעשטעלט אַ מציאות מיט וואָס די עסקנים פּלאָגן זיך זייער שטאַרק, אז ס'איז ממש אַן אוממעגליכקייט צו אַנגאַזשירן גוי'אישע קאנדידאטן. פון צווישן אזא קליינער באַפעלקערונג איז בכלל אַ שווערער עסק צו געפינען איינעם וואָס איז בכלל גענוג פאַרשטענדליך און אינטעליגענט צו זיין פּאַסיג פאַר די זשאַב; דערצו דאַרף ער זיין סימפּאַטיש צו אידן און געטרויבאַר, און אַז מ'באווייזט שוין ענדליך יאָ צו טרעפן אַ פּאַסיגן קאַנדידאַט, דאַן פאַלן זיי שנעל אוועק צוליב דרוק פון די באַאַמטע אָדער פאַמיליע און שכנים.

די געטרייע עסקנים געבן אָבער נישט אויף. מ'זוכט און מ'נישטערט אויף אַלע זייטן, מ'פּרובירט וואָס נאָר מעגליך צו טרעפן פּאסיגע קאנדידאַטן, ווייל אָט דערנענטערט זיך שוין דער "דעדליין" ביז ווען מ'קען אַריינגעבן אַ קאנדידאטור פאַר די בעפאָרשטייענדע וואַלן און דערווייל האָט מען נאָכנישט באַוויזן צו רעקרוטירן די ריכטיגע מענטשן פון דעם אַלגעמיינעם פּובליקום וועמען מיר זאָלן קענען אַרויסשטעלן אונז צו פאַרטרעטן.

זאָל די "שטימע" טאַקע דינען אַלס פּלאַטפאָרמע אַרויסצוברענגען די האַרציגע בקשה פונעם באָורד צו תושבי בלומינגראָוו והגלילות: סיי ווער עס האָט אַן איינפאַל, אַ געדאנק, א הצעה, אַ פאָרשלאַג, איבער א פּאסיגער אידן-פריינטליכער קאַנדידאַט וואָס וואָלט געקענט זיין גוט צו דינען אַלס טראָסטי אָדער מעיאָר און יושר'דיג פאַרטרעטן אונזערע אינטערעסן, זאָל ביטע זיך אַמשנעלסטן מיט'ן באָורד איבערצוגעבן די נויטיגע אינפאָרמאַציע.

ס'איז הזמן קצר והמלאכה מרובה. מיר לויפן שוין אצינד קעגן דעם זייגער, און די הויט ברענט אַז מ'זאָל וואָס פריער באַשליסן אויף א קאנדידאט און מסדר זיין די לעגאַליטעטן כדי מיר זאָלן קענען האָבן אַ שטאַרקן גוטן טיקעט צו לויפן אין די בעפאָרשטייענדע עלעקשאָנס, און בעזו"ה קענען מצליח זיין אַריינצואוועלן אַ סימפּאטישע אַדמיניסטראַציע אינעם ווילעדזש אָפיס וואָס זאָל סערווירן אַלע איינוואוינער צוגלייך.

**חפץ ה' בידינו ישכיל ויצליח!**

### הרשעים כים נרגש השקט לא יכלו:

# העסליכע "אַנטי-ציבור אַגענדע" פון מעיאָר און טראָסטיס דאָמינירט ווידעראמאָל "ווילעדזש מיטינג" מיט האַרטנעקיגע רעזאָלוציעס קעגן די איינפאַכע פאַרלאַנגען פון די אידישע איינוואוינער

על עמך יערימו סוד:

**פיינטליך-געשטימטע באַאמטע קעמפן קאַטעגאָריש אָפּ פאַרלאַנג צו האַלטן אָפן "פּאָולינג פּלעיס" פאַר לענגערע שטונדן אַזוי ווי אין רוב ערטער איבער ניו יאָרק, לויט ווי די אפיציעלע געזעץ אין ניו יארק סטעיט פארלאנגט צו געבן "אירלי וואוטינג" איגנאָרירנדיג געברויך פון די איינוואוינער וועלכע פאָרן אַוועק צו דער אַרבעט פרי, טראָץ פאָרשלאַג פון "יו.זשעי.סי." צו דעקן די אָנגעבליכע קאָסטן**

**פאַר'עקש'ן זיך ווייטער צו פירן זינלאָזן געריכטליכן שטרייט קעגן בידהמ"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר רינאָוקע — האַרטנעקיגע מעלדונג אַז "בלומינגראָוו שאָטעל" פאַרבלייבט ווייטער פאַרהאַקט און געשטראַנדעט ביז'ן קומענדיגן געריכט, צום אויסטערלישן ווייטאָג פונעם ציבור — ומשנאיך נשאו ראש!**

די היינטיגע וואָך מאנטאג ויחי איז פאָרגעקומען די מאָנאַטליכע אָפענע "ווילעדזש מיטינג", וואו צום גרויס באַדויערן איז די גאַנצע אַגענדע פון דער מיטינג ווידעראמאל דאָמינירט געוואָרן פון די העסליכע און פיינטליך-געשטימטע אַנטי-ציבור אַגענדע וואָס באַהערשט די יעצטיגע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע, מיט אַן אָפענעם און אומפאַרשלייערטן ציל צו רודפ'ן און סעקירן די אידישע איינוואוינער און בייזוויליג טרעטן אויף אונזערע געפילן דורכ'ן איגנאָרירן אונזערע קאַרדינאַלע מענטשליכע פאַרלאַנגען און געברויכן.

אַ הויפט פונקט אויף דער אגענדע איז געווען דאָס באַהאַנדלען די שטונדן פון דער "פּאָולינג פּלעיס", דאָס הייסט דער "שטים אָרט" וואו די שטים-באַרעכטיגטע קענען אַרויסקומען אָפּגעבן זייער שטימע אין דעם וואַל-טאָג.

ביז היינט פלעגן די שטים-בודקעס זיין אפן בלויז נאר אָנגעהויבן פון 12:00 מיטאָג, אנדערש ווי אין רוב ניו יארק וואָס מ'עפענט די וואַל-פּלעצער אַזוי פרי ווי 6:00 פאַרטאָגס כדי צו קענען אַקאָמאָדירן מענטשן וואָס הייבן אָן דעם טאָג פרי און פאָרן אַוועק צו דער אַרבעט אא"וו.

ספעציעל היי-יאָר וואס גאווערנער קאומאו האט אינטערגעשריבן א ספעציעלן געזעץ צו געבן וואס מער צייט פאר די וויילער אפצוגעבן זייער שטימע, און האָט באשטעטיגט צום ערשטן מאל אין ניו יאָרק סטעיט "אירלי וואויטינג" ד.ה. אז מ'קען אנגעהויבן פון אַ וואָך פאר די עלקעשאנס שוין אפגעבן די שטימע, און איז שוין געווען אין קראַפט ביי די שכנות'דיגע וואָודבארי עלעקשאנס דעם פארלאפענעם נאוועמבער, וואס רוב ציבור אנשים ונשים האבן טאקע אינעם זונטאָג בעפאר אפגעגעבן זייער שטימע.

ביי היימישע אידן, וואָס שטייען אויף פרי לעבודת הבורא און האָבן אַ פולן סדר היום פון תורה ותפלה און "לכו והתפרנסו" זה בכה וזה בכה, איז דאָס ספעציעל שטאַרק נוגע צו קענען אַרויסגיין שטימען פרי. ווי דער פאַקט באַווייזט ווירקליך, אַז אין אַלע ערטער וואו היימישע אידן וואוינען גייען רוב מענער אָפּגעבן זייער שטימע אין די פריע שטונדן, בעפאָר'ן אָנהייבן דעם טאָג, בעת די פרויען וועלן געווענליך גיין אין די מיטעלע טאָג-שעה'ן, ווען ס'איז לייכטער מיט די שטוב-פליכטן און די עלטערע קינדער זענען אין די חדרים\שולעס אא"וו.

אַלענפאַלס, וויבאַלד מ'גרייט זיך יעצט צו וואַלן פאַר'ן ווילעדזש-באָורד, וואָס זענען ערוואַרטעט צו האָבן אַ זייער וויכטיגן און היסטאָרישן אימפאַקט אויף דער שטאָט בלומינגראָוו און אויספאָרעמען דעם ווייטערדיגן געשטעל פון דער שטאָט, האָט דער אַדוואָקאַט פון "יו.זשעי.סי" אַריינגעגעבן אַן אָפיציעלע פאַרלאַנג אין נאָמען פון די תושבי העיר, אַז מ'זאָל אויך דאָ איינשטעלן די געווענליכע וואַל-שטונדן אַז די איינוואוינער זאָלן קענען צוקומען דורכצופירן זייער עלעמענטאַרער שטים-רעכט מער צוגענגליך, לויט זייער באַקוועמליכקייט.

אָבער, ווי נאָר די באַאַמטע האָבן אויפגעכאַפּט אַז דאָס איז אַ פאַרלאַנג פונעם היימישן ציבור, האָבן זיי דאָס תיכף קאַטאָגאָריש אָפּגעשלאָגן. דער אָנגעבליכער אויסרייד איז געווען צוליב דעם פינאַנציעלן אימפאַקט וואָס אַזאַ באַשלוס קען ברענגען, נעמליך, וויבאַלד דאָס האַלטן אָפן די פּאָולינג-סייט נאָך עטליכע שטונדן אינעם וואַל-טאָג, וועט קאָסטן צופיל געלט פאַר דער ווילעדזש-קאַסע (וועלכע איז אויסגעטרוקענט פון פאָנדן אין ליכט פון די פילע געריכטליכע שטרייטן מיט די אייגענע איינוואוינער)...

ווען דער רעפרעזענטאַנט פון יו.זשעי. סי., העסקן מוה"ר יואל שטערן הי"ו, האָט אַרויסגעברענגט אַן אָפיציעלן אָנבאָט, אַז די קאָמיטע איז גרייט צו זוכן אַ "ספאנסאר" צו באַצאָלן די קאָסטן פאַר'ן ווילעדזש צו האַלטן אָפן די שטים-אָרט לענגער צוליב וואָס ס'איז אַ טובה פאַר די איינוואוינער, האָבן זיי דאָס אומצווידייטיג אָפּגעוואָרפן, נישט אָנגעבנדיג קיין אויסרייד, בלויז זאָגנדיג אַז זיי וועלן נישט צושטימען צו אזא אָנבאָט בשום אופן.

אויב וואונדערט איר זיך איבער וואָס אַ סומע געלט דאָ האַנדעלט זיך, אַז עס איז ווערד אַזאַ אויספירליכע באַהאַנדלונג ביים אָפיציעלן ווילעדזש-מיטינג און פאַרדינט אַזאַ אַנטשלאָסענעם קאַמף פון אונזערע "פאָרשטייער" צו באַשיצן די שטייער-צאָלער

**פאַרזעצונג אויף זייט 6**



# דאסווארט פון אונזערע געטרייע פארטרעטער

**אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראווער איינוואוינער, בכל עת מצוא**

## שמועס מיט הרבני החסיד המרומם מוה"ר
# אברהם משה הכהן ווייס הי"ו
## אקטיווער און געטרייער באורד מעמבער אין "יו.דזשעי. סי."

**דער פארליגענדער שמועס דארף אייגנטליך נישט קיין לאנגע הקדמות. דוכט זיך אז דער נאמען זעלבסט, הרה"ח רבי אברהם משה ווייס שליט"א, זאגט שוין גענוג פאר'ן גאנצן ציבור תושבי בלומינגראוו, זייענדיג דער איש מכובד ונשוא פנים בתוכינו, וואס גיט צו א באזונדערן גלאנץ און ערנסטקייט פאר אונזער גאנצע געגנט בכלל, און געוויס אזוי פאר פאר די פעולות פון יו.דזשעי. סי., וואו ער דינט אלס 'באורד מעמבער' מיט געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט לטובת הציבור.**

**חבה יתירה נודעת לו צו ר' אברהם משה שליט"א, וועלכער טראגט א ספעציעלע געוויכט און חשיבות ביים גאנצן ציבור זייענדיג דער עלטסטער צווישן די באורד מעמבער לאוי"ט, מיט א פארצייטישן טעם פון דעם פריערדיגן דור שתדלנים ועסקני הציבור, וואס דעריבער איז טאקע דבריו נשמעים ביי יעדע געלעגנהייט און ביי אלע מיטינגען דורך דעם "באורד", וואו מען ווייסט גוט צו מחשיב זיין די לאנג יעריגע ערפארונג, ישוב הדעת און עקספערטיז וואס קומט שטענדיג צום אויסדרוק.**

**ר' אברהם משה שליט"א האט אונז גערן באוויליגט צו איבערגעבן זיינע זיסע מעמוארן און זיין אלגעמיינע בליק אויף די די הערליכע "הוה" און שיינענדיגע "עתיד" פון אונזער באליבטע געגנט בלומיגראוו, וואס מיר טוען אצינד מיטטיילן מיט'ן ציבור וואס וועט געוויס הנאה האבן פון די זאכליכע און אויפריכטיגע קאמענטארן.**

**אלזא רבי אברהם משה שליט"א, לאמיר באלד צוגיין צו די נקודה. וויאזוי באטראכט איר די אקטיוועטעטן לטובת הציבור דורך "יו.דזשעי. סי", זינט איר זענט געווארן ערוועלט אלס אקטיווער "באורד מעמבער"?**

באמת איז שווער אין עטליכע ווערטער צו ארויסברענגען מיין שעצונג און התפעלות פון די פילזייטיגע פעולות לטובה וואס איז שוין אונטערגענומען געווארן דורך דעם באורד אין די קורצע צייט זינט איר התייסדות. מען זיצט כסדר אויף אסיפות און מען ווענדט אן אלעס אויף דער וועלט צו ערפילן די הצטרכות'ן פונעם ציבור אויפ'ן בעסטן און שענסטן פארנעם. אלעס ווערט דורכגעפירט מיט א כובד ראש און אן איידלקייט, יעדע זאך ווערט דורכגערעדט איינמאל און נאכאמאל, און מען זוכט די גאנצע צייט צו זיין איבערגעגעבענע שלוחים פאר'ן ציבור.

אונזער צענטראלע און איינציגע מטרה איז געווען און איז געבליבן נאר איין זאך: "יעדער איד אין בלומיגראוו זאל וויסן אז ער ווערט יושר'דיג פארטרעטן דורך די שלוחי הציבור און ווען ער האט סיי וועלכע פראבלעם איז דא אן אוזן קושבת וואס איז אים גרייט צו העלפן". דאס איז דאס גאנצע פארוואס מיר זענען דא און דאס איז וואס מען פירט ב"ה דורך מיט גרויס סייעתא דשמיא.

אז מען רעדט שוין יא וועגן דעם 'באורד' דא אין בלומינגראוו שפיר איך אז עס דארף באטאנט ווערן א ספעציעלע נקודה, וואס איך כאפ דערפון התפעלות יעדעס מאל באזונדער.

אין לויף פון די יארן האב איך שוין ב"ה מיטגעהאלטן פארשידענע עסקנות'ער און אזוי אויך מיטגעלעבט מערערע מאורעות ביים היימישן ציבור אין די היימישע געגנטער, איך קען אייך זאגן בפה מלא אז דאס וואס מען זעט דא ביי אונזער באורד, נעמליך דאס "אחריות" און דער "דעת תורה" וויאזוי יעדע איינציגע שריט ווערט באגלייט, איז עפעס וואס איז כמעט נישט בנמצא אין ערגעץ!

איבעראל איז דא ב"ה עסקנים און עוסקים בצרכי ציבור, אבער בלומינגראווער אידן האבן די באזונדערע זכי' צו האבן אזעלכע געטרייע פארטרעטער, אידן וואס מיינען גארנישט נאר די אויסדריקליכע טובה פון יעדן יחיד, פשוט מען וויל העלפן, מען וויל פארגרינגערן, און מען וויל אקעגן קומען יעדן איד וואס וואוינט אין בלומינגראוו. און טאקע דערפאר לייגט מען אריין אזויפיל קאפ און מחשבה אין יעדע דעטאל צו פארזיכערן אז דאס איז טאקע די טובה פונעם ציבור און צי דאס איז טאקע די ריכטיגע שריט וואס דארף אונטערגענומען ווערן.

בנוסף דערצו האבן מיר די זכי' אז אונזער געגנט איז ב"ה דער מקום משכנם פון אזויפיל חשוב'ע רבנים שליט"א, גאונים וצדיקים גדולי תורה ויראה, וואס פארשיינען מיט זייער תורה און מיט זייער צדקות אונזער גאנצע שטאט, און זענען נר לרגלינו ואור לנתיבתינו אויף יעדע שאלה און יעדע מאורע וואס קומט אונטער, לידע את הדרך נלך בה ואת המעשה אשר יעשון.

איך האלט דאך מיט די גאנצע השתלשלות פון די ערשטע מינוט וואס דער באורד איז ערוועלט געווארן, דורך דעם ציבור תושבי השכונה, ביז'ן היינטיגן טאג, און איך קען מעיד זיין בפה מלא ממש יעדע דבר גדול ודבר קטן ווערט איבערגערעדט און איבערגעשמועסט מיט די רבנים שליט"א, מיט אזויפיל ישוב הדעת און מיט אזויפיל הכנעה ודרך ארץ. די באורד מעמבערס רירן זיך נישט אָן דעם קלארן דעת תורה פון די חשוב'ע רבני העיר שליט"א.

דאס איז א ספעציעלע זכי' אויף וואס אונזער געגנט קען ב"ה שטאלצירן ביז גאר. אשרינו מה טוב חלקינו!

**אלס אקטיווער 'באורד מעמבער' זעהט איר א פאזיטיווע רעאקציע ביים ציבור תושבי העיר צו די פעולות פונעם 'באורד' ? שפירט איר אז דער ציבור אנערקענט די געטרייע ארבעט ?**

וואס איז די שאלה בכלל ? בתוך עמי אנכי יושבת, וואו מען גייט און וואו מען שטייט הערט מען ב"ה צוריק ווארימע גריסן און קאמענטארן פון דעם ציבור. אידן קענען נישט גענוג אויסדרוקן זייער הכרת הטוב און שמחה אז שהחיינו וקיימנו לזמן הזה, ווען ס'איז דא א געטרייע פארטרערשאפט פאר'ן גאנצן ציבור.

מען דארף פארשטיין א וויכטיגע זאך. צום באדויערן איז אריבער א שיינע שטיקל צייט פון עטליכע יאר וואס זאכן זענען געווען זייער שטארק נאכגעלאזט, מען האט אפן גע'רודפ'ט און געשטעלט שטיינער פאר יעדן איד וואס האט זיך באזעצט אין בלומינגראוו, מען האט אונז באקריוועדעט און בא'עול'ט און יעדער יחיד האט שטיל געליטן און געשוויגן, אזוי ארום אז יעצט ווען עס האט זיך ב"ה געשאפן א פאראייניגטע קאלעקטיווער כח צו העלפן דעם ציבור און דעם יחיד, איז דאס ממש אן אויסטערלישע דערלייכטערונג פאר יעדן תושב וואס האט זעלבסט געליטן פון די רשעות'דיגע רעגולאציעס און באגרעניצונגען.

אידן אין בלומינגראוו שפירן אז ענדליך זעהט מען שוין די ליכט ביי דער ענדע פון דעם טונעל. ס'איז שוין דא צו וועמען צו רעדן און ס'איז שוין דא ווער עס איז גרייט צו שתדל'ן און עוסק זיין בצרכי ציבור להנאתם וטובתם.

ס'איז היינט צוטאגס א קביעות'דיגע ערשיינונג אז אידן קומען צו צו מיר אין בית המדרש, און מען טיילט מיט פארשידענע פראבלעמען און קאמפלעינס וואס דארף אדרעסירט ווערן, יעדער פילט זיך היימיש און

רואיג צו קאמענטירן און מעיר זיין אויף אלע ערליי אישוס. איך פארצייכן מיר טאקע אלעס און דאס ווערט ארויפגעברענגט אויפ'ן טיש ביי די קומענדיגע "באורד מיטינג", וואו מען שמועסט זיך דורך און מען נעמט ערנסט אין באטראכט יעדע פארלאנג און יעדע 'קאמפלעין' מיט גרויס הצלחה בעז"ה.

איך געדענק ביי איינע פון די זיצונגען פונעם 'באורד' האט מען פארגעשלאגן פארשידענע מהלכים וויאזוי צו לעזן א געוויסע ענין, אבער איך האב געהאלטן אנדערש, און די אנדערע 'באורד מעמבער' האבן זיך טאקע גערעכנט דערמיט, מען באטראכט יעדע מיינונג מיט א חשיבות און רעספעקט און מען מאכט זיכער נישט צו טון קיין איבערגעאיילטע שריט קיינמאל. זאל טאקע השי"ת העלפן ווייטער.

**ווי עס געדענקט זיך זענט איר געווען פון די ערשטע 'באורד מעמבער'ס' וועלכע האבן בשעתו אדרעסירט די פראבלעמען מיט די "קוואליטי באסעס" ?**

ריכטיג. בשעתו איז דאס טאקע געווען פון די וויכטיגסטע און ערשטע זארגן וואס מען האט צוריקגעהערט פון אומצאליגע תושבים אז עס פאדערט זיך א גרינטליכע תיקון אין דעם גאנצן סיסטעם און ווירטשאפט פון די באסעס וועלכע טראגן און ברענגען אונזערע לעכטיגע צאן קדשים מדי יום ביומו.

ב"ה אז זינט דאן איז שוין טאקע צושטאנד געקומען עטליכע שטארק פראדאקטיווע זיצונגען צווישן דעם באורד אינאיינעם מיט די פארוואלטונג פון די באסעס וואו מען האט קלארגעשטעלט אונזערע פארלאנגען און ווי געמאלדן אין די מודעות פונעם 'באורד' וועט מען בקרוב זעהן באדייטענדע שינויים לטובה אין דעם גאנצן מהלך פון די באס פירמע, צו די צופרידנהייט פון תושבי העיר.

בדרך אגב, לעצטנס האבן מיר צוריקגעהערט פון עטליכע איינוואוינער וועלכע באקלאגן זיך אז ס'איז אפט קענטיג א געוויסע נאכגעלאזטקייט און התרשלות ביי די דרייווער פון די קוואליטי באס קאמפעני ווען עס קומט צו דעם געביט פון סעיפטי פאר די קינדער. דאס פאסירט צום באדויערן צוליב פארשידענע סיבות וואס איז נישט דא דאס פלאץ צו אדרעסירן. אבער מען קען זיין זיכער אז דער 'באורד' באטראכט זייער ערנסט די אלע 'קאמפלעינס' און מען טוט אלעס וואס דארף געטון ווערן אז זאכן זאלן פאלן אין פלאץ בעז"ה, פאר די זיכערהייט און שמירה פון אונזערע קינדער.

**צום שלוס, רבי אברהם משה, שטייענדיג שוין ביים דריטן אויסגאבע פון "דער שטימע", וואס איז אייער בליק אויף די צייטשריפט וואס ערשיינט בתוכינו ?**

אויסטערליש אויסטערליש! ס'איז א זעלטן רייכע און געשמאקע אויסגאבע וואס איך באוואונדער יעדעס מאל באזונדער.

האמת ניתן להאמר, אז באלד אין אנהויב, ווען דער באורד איז געגרינדעט געווארן האב איך שוין דעמאלט ערווענט דאס נחיצות פון ארויסגעבן אזא סארט אויסגאבע, וואס זאל האלטן דעם ציבור אינפארמירט מיט אלע היימישע אנטוויקלונגען און דינען ווי א פאסיגע פלאטפארמע צו צוזאמענהאלטן דעם גאנצן ציבור תושבים כאיש אחד בלב אחד.

אבער אפילו דעמאלט האב איך נישט גע'חלומ'ט פון אזא תוכנ'פולע און בע'טעמ'טע אויסגאבע, וואס איז ב"ה יעצט צושטאנד געקומען מכח אל הפועל. ס'איז צום באוואונדערן וויאזוי די רעדאקציע לייגט אריין כוחות צו ברענגען פאר'ן עולם אקטועלע באריכטן פון אלע אספעקטן, קאלירפולע נייעס'לעך פון אלע עקן שטאט און פון אלע בתי מדרשים,באגלייט מיט אינפארמאטיווע ארטיקלען און דאקומענטן, וואס איז א געשמאק צו ליינען.

און מען זעהט ב"ה אז דער ציבור איז דאס מחשיב, מענטשן האבן זייער הנאה דערפון און במציאות איז עס ממש פארוואנדלט געווארן אלס דער געשפרעך פון שטאט, סיי צווישן די מענער און אויך צווישן די נשים צדקניות, מען דיסקוסירט די פרטים וואס מען האט געליינט אין "דער שטימע" און מען טיילט זיך מיט די אינפארמאציע און ידיעות. מען זעהט בחוש ווי וויכטיג עס איז געווען אזא סארט אויסגאבע וואס האלט צונויף די גאנצע שטאט אויף אזא שיינעם פארנעם.

איך וואלט געזאגט אז די אויסגאבע ברענגט אין א געוויסן זין דאס שענסטע ארויס די חן פון אונזער געגנט, וויאזוי דער גאנצער ציבור לעבט זיך צוזאמען מיט אזא ווארימקייט און מיט אזא אחדות, נישטא קיין "אונז" און קיין "זיי", ס'איז אלעס ברידערליך און פרידליך, והיינו דאהני' לי' אז מען זעהט ב"ה אזא הצלחה צו פאראויסרוקן און פארזיכערן דעם בליה און וואוקס פון די געגנט כה יתן ה' וכה יוסיף.

**א געוואלדיגן יישר כח, רבי אברהם משה שליט"א, פאר אייערע טרעפליכע באמערקונגען. מיר אלע איינוואוינער קוקן טאקע ארויס אז חפץ ה' בידכם יצליח און די שכינה זאל רוען בכל מעשי ידיכם לטובה ולברכה אמן.**

---

**פארזעצונג פון זייט 4**

געלטער, דאַן זייט וויסן אַז די רעדע דאָ איז פון גאַנצע... $1,200!

ציינדט דאָס אָן ביי אייך אַ רויטן ליכט? מאַכט דאָס אייך קלערן, אַז דאָ ליגט עפּעס טיפערס באַגראָבן ווי בלויז אָפּהיטן אויף צוועלף הונדערט דאָלער? איר זענט וואַרשיינליך גערעכט...

ווען דער מעיאָר האָט ביי דער מיטינג באַמערקט אַז עס זענען אנוועזנד די חשוב'ע "יו.זשעי.סי." באורד-מעמבערס, און צווישן זיי העסקן הנמרץ והנעלה מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו, דער טשערמאן פונעם באורד, האט דער מעיאר שנעל צוגעלייגט צו דער אגענדע צוויי פרישע זאַכן, און איינגעמאָלדן דעם ווילעדזש'ס באַשלוס אַז מ'גייט ווייטער באַקעמפן דעם ביהמ"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר אויף ראָנאוק – וואָס איז אַ נאָבעלער בית גדול שמגדלין בו תורה ותפלה – דורכ'ן פאָרזעצן דעם געריכטליכן שטרייט!

אויב איז דאָס נישט גענוג געווען, האָט ער האַרטנעקיג און קאַלטבלוטיג געמאָלדן, אַז דער "שאָטעל באָס" – וואָס איז אַזוי קריטיש-וויכטיג פאַר די היימישע איינוואוינער, איבערהויפּט פאַר די אידישע מאַמעס וואָס דאַרפן גיין ערלעדיגן און איינקויפן פאַר זיך און די קינדערלעך – פאַרבלייבט הערמעטיש געשטראַנדעט, און מ'וועט עס אַבסאָלוט נישט דערלויבן פאָרצוזעצן ווייטער אויפנעמען פּאַסאַזשירן ביז צו דעם קומענדיגן געריכט, וואו די ווילעדזש'ס טייער-באַצאָלטע אַדוואָקאַטן וועלן פאָרזעצן צו באַקעמפן די איינוואוינער מיט זייער אייגן געלט פון איבערגעטריבענע שטייערן!!

(דערמאנענדיג דעם שאטל איז דא די פלאץ אויפצוברענגען מיט ווייטאג אז די באוד פון יו.זשעי.סי. האבן שוין עטליכע מאל געבעטן דעם מעיאר מיט די שענסטע לשונות של תחנונים אז מ'זאל פארגעסן פונעם עבר, און פונדאסניי פרובירן זיך דורכקומען אינדרויסן פון געריכט, ווייל דער ציבור קוקט אזוי שטארק ארויס אויף דעם סערוויס, און דערווייל איז עס דערווייל געפאלן אויף טויבע אויערן).

טראָץ וואָס די עסקנים זענען שוין ליידער צוגעוואוינט כסדר מיטצוהאַלטן די רשעות'דיגע אַגענדעס פון די לאָקאַלע באַאַמטע קעגן דעם ציבור, איז מען פאָרט געווען שאָקירט און צעטרייסלט פון דער מיטינג, מיטהאַלטנדיג ווי פונקט נאָך פונקט שטייען די ערוויילטע פערזאָנען פאַרהאַרטעוועט מיט אַ קלארן ציל אונז צו פאַרשווערן דאָס לעבן, און זענען נישט גרייט נאָכצוגעבן אפילו אַ מילימיטער פאר די אייגענע איינוואוינער, וועלכע האָבן נישט קיין גרויסע פאַרלאַנגען, נאָר בעטן זיך איינפאַך געציילטע פשוט'ע פארשטענדליכע בקשות זיי צו אַקאָמאָדירן און גרינגער מאַכן דאָס לעבן.

ס'בלייבט נישט איבער מער ווי צו האָפן, און מתפלל זיין, אַז מיט די אַנטשלאָסענע פאַראייניגונג פונעם ציבור וואָס איז ב"ה יעצט צושטאַנד געקומען, און מיט די אויפוואַכונג פון אלע איינוואוינער אַז מיר מוזן יעצט זיך צונויפנעמען מיט אַלע כוחות פאר אונזער עתיד, וועט מען בעז"ה אינגיכן קענען מצליח זיין אויסצוטרעטן די אַלע שוועריגקייטן, דורך די ריכטיגע שתדלנות ועסקנות בדרך התורה והמסורה וועלן מיר קענן בעזרת ה' אויסקעמפן אונזערע רעכטן צו קענען וואוינען דאָהי' און דערציען אונזערע קינדער, בטח ושאנן, און פאַרברייטערן די גבולי הקדושה פון אונזער שטאָט לשם ולתפארת.

**כי לא ינוח שבט הרשע על גורל בלומינגראָוו!**

# מהנעשה והנשמע נייעס אין בלומינגראוו

## אויסנאַמליכע געפיל און וואַרימקייט צו גרויסארטיגער בליץ-קאַמפיין פּראָקלאַמירט לטובת די "לייכטורעם פון בלומינגראוו" - צאנז זמיגראד

**מתפללי ביהמ"ד, תושבי בלומינגראָוו, חברים, ידידים, קרובים און שכנים אנגעשלאסן צו "אויסצאלן דעם באַלאַנס" למען קיומו והחזקתו פון דעם הערליכן צענטער-פונקט וואס באשיינט די גאנצע געגנט**

דער קאמפיין איז אין שוואונג! מיט פאראייניגטע כוחות איז אין די לעצטע טעג געלאזט געווארן אין שוואונג דער גרויסארטיגער בליץ- קאַמפיין וואס איז אנומלט אונטערגענומען געווארן צווישן מתפללי ולומדי בית המדרש הגדול "צאנז זמיגראד", צו צעמענטירן דאס החזקת בית המדרש וואס פונקציאנירט לשם ולתפארת פאר די הונדערטער תושבי בלומינגראוו המעטירה.

ווירקליך איז דאס בית המדרש "צאנז זמיגראד" דער צענטער פונקט, דער 'תל תלפיות' און דער 'כלילת יופי', פון וואו עס גייען ארויס אלע צרכי הכלל והפרט ברוחניות ובגשמיות, און נישט אומזינסט שפילט דאס אזא גרויסע ראלע אין די איבערראשענדע אנטוויקלונג פון אונזער הערליכע געגנט, געבנדיג פאר'ן ישוב איר ריכטיגן מהות און כאראקטער אלס א נאבעלער עיר ואם בישראל.

אידן פון אומעטום, ווען עס קומט נאר אויס צו "ארייינפאלן" אין 'זמיגראד', קענען נישט גענוג זיך אנזעטיגן פון די הערליכע אטמאספערע וואס שפירט זיך בין כותלי בית המדרש, אין בית המדרש צאנז זמיגראד געפינען מיר צו יעדער צייט א קאלירפולער ציבור פון חסיד'ישע יונגעלייט בני תורה, זייט ביי זייט מיט ערליכע בעלי בתים ארבעטער און ביזנעסלייט און בעלי צדקה וחסד, אלע שפירן זיך דארט אנגענעם און באקוועם, ומשם תצא תורה ועבודה פאר די גאנצע געגנט.

דאס בית המדרש שפרידלט און ווירבלט טאקע מיט אנגייענדע מנינים פון שחרית מנחה ערבית אויף א קביעות'דיגן פארנעם; טעגליכע שיעורים בתורה צווישן חברותות און אויך דורך חשוב'ע מגי"ש; פארשידענע הערליכע שיעורים פון צייט צו צייט ווי פרקי אבות וכדו'; און פארשטענדליך אויך די געהויבענע אבות ובנים אין די ווינטער'דיגע מוצאי שבתים וואו די גליקליכע עלטערן און קינדער פארברענגען און לערנען בצוותא חדא.

באזונדער צייכנט זיך דאס בית המדרש אויס מיט איר אייגנארטיגקייט און באזונדערע חן, זייענדיג דער מקום רחבת ידים, וואס איז שטענדיג צוגעשטעלט מיט אלע באקוועמליכקייטן און געברויכן אויפ'ן העכסטן סטאנדארט, באזונדער אויך די הערליכע מקוה מהודרת וואס איז אהערגעשטעלט מיט א זעלטענע שיינקייט און פראכט און ווערט באנוצט מדי יום ביומו ומדי שבת בשבתו דורך הונדערטער תושבים און אורחים.

איבערהויפט האט דאס בית המדרש די זכי' צו זיין דער תל תלפיות אין די לעכטיגע זמנים ווען דער רועה נאמן לעדתו, כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, איז זיך קובע משכן קדשו דאהי אין דער שטאט, אין די זומער חדשים און אזוי אויך אין די געהויבענע טעג פון א' סליחות, חג הסוכות, חנוכה, ל"ג בעומר, א.א.וו. ווען דער רבי שליט"א פארשיינט די גאנצע שטאט מיט זיין עבודת הקודש והארץ האירה מכבודו.

ובזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה והדרה, תושבי העיר אינאיינעם מיט הונדערטער אידן פון אומעטום, זקנים עם נערים, זענען אין די זמנים זוכה צו מיטהאלטן די געהויבענע הארציגע תפלות בהשתפכות הנפש, אמירת הלל, ועריכת השלחנות הטהורים, די לעכטיגע מלוה מלכה'ס בחצר קדשו, און דאס געזעגענען לשמוע לקח וליהנות עצה ותושי' ולקבל ברכותיו היוצאים מקרב לב טהור, וואס גייט אלעס ארויס פון דעם הייליגן ווינקל, דער מעוז ומגדל, בית המדרש צאנז זמיגראד.

איז עס דעריבער קיין וואונדער נישט אז דער ציבור שליסט זיך אן מיט פאראייניגטע כוחות אין דעם בליץ קאמפיין, וואס צילט צו דעקן אלע אנגעזאמלטע הוצאות און גרעסערע חובות פון די פארלאפענע חדשים און אוועקשטעלן א




פעסטן בסיס קבוע צו קענען ממשיך זיין מיט די הרמת קרן התורה והעבודה אן קיין אפהאלט חלילה.

אין א שמועס מיט'ן איבערגעגעבענעם משמש, הרה"ח ידיד נפש כל חי מוה"ר לייב הערשקאוויטש הי"ו, דרוקט ער זיך אויס מיט קענטיגע באגייסטערונג:

"ס'איז באמת צום שטוינען זעהנדיג דאס ווארימקייט וואס דער ציבור צייגט ארויס פאר'ן בית המדרש", דער באליבטער משמש באטאנט דערביי אז: "דער ציבור פארשטייט ב"ה גוט וואס פארא מתנה 'זמיגראד' איז פאר אונזער געגנט, און וויפיל געלט און כח עס ווערט אינוועסטירט צו אויפהאלטן דאס בית המדרש מיט אזא פראכט און שיינקייט. דאס אלעס פאסירט נישט בחנם און איינמאל א יאר דארף מען די שטיצע פון אידן וואס האבן הנאה פון דעם בית המדרש יעדן טאג פון דאס יאר".

אין די יעצטיגע טעג זעצט דער בליץ-קאמפיין פאראויס ווען דער ציל איז זייער קלאר: יעדער מתפלל זאל אויסצאלן זייערע אלטע באלאנס און מוסיף זיין פרישע נדבות! למען בית ה' אלקינו ולתפארת מקום מקדשי!

## נאבעלע "סדר הלימוד למוצאי שב"ק" אין בית המדרש 'מאורות נתן ד'ראדאוויץ' געקרוינט מיט אויסטערלישע הצלחה

עס איז שוין אייגנטליך דאס צווייטע יאר וואס בחורי חמד אין בלומינגראוו געניסן פון די זעלטן - געהויבענע "סדר הלימוד למוצאי שב"ק" וואס ברענגט אריין א ווארימקייט אין די לאנגע פראסטיגע מוצאי שבתים פון די ווינטער חדשים, און פונקציאנירט מדי שבוע בשבוע אין היכל בית המדרש "מאורות נתן" ראדאוויץ.

פון מערערע עלטערן און בחורי חמד הערט מען ב"ה צוריק זייער אויסטערלישע צופרידנהייט און הנאה פון דעם שיינעם איינפיר וואס זעצט ב"ה פאר אויף א וועכנטליכן פארנעם, ווען דאס ראדאוויץ'ער בית המדרש איז טאקע פיל מיט די יונגע לומדים וועלכע זענען עוסק פאר לענגערע שעות בחדוותא דשמעתתא און נוצן ריכטיג אויס די טייערע צייט אין די מוצאי שבתים, ומתן שכרה בצדה מיט ווערטפולע גורלות ומתנות, ווען פון צייט צו צייט ווערט אויך געפראוועט געהויבענע מסיבות מלוה מלכה בצוותא חדא.




מטעם די הנהלת בית המדרש און די געטרייע מסדרי החבורה ווערט אויסגעדרוקט א ברכת הכרת הטוב פאר די אלע חשוב'ע נגידים בעם וועלכע טוען זיך ביישטייערן מיט סכומים הגונים צו אפקויפן דעם זכות סדר הלימוד לשבוע, זכות לימוד התורה יגן בעדם לטב ולחיים ולשלם.

# 2

# בימים ההם בזמן הזה...

גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאוויושט"א

## מוה"ר חיים הערש ליימזידער שליט"א

לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל"
בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע

## אינפארמאטיווע פאקטן, אינהאלטספולע זכרונות און באלערנדע אנעקדאטן

**איבער די געטרייע דרכי השתדלות אויף אלע פראנטן, מיט דער ברכה און באגלייטונג פון רבינו הק' זי"ע, טראץ די אומגעהויערע שוועריגקייטן און פארוויקלטע קאמפליקאציעס, און איבער דעם ריכטיגן מהלך וויאזוי צו זיך דורכקומען מיט די שכינים אין גלות, בימים ההם בזמן הזה, בכוחו ובזכותו של אותו צדיק.**

**מיר קערן זיך צוריק צו אונזער אינהאלטספולע שמועס מיט הרה"ח רבי חיים הערש שליט"א, וועלכער וויקלט אויף זכרונות פון די בראשית ימי קרית יואל, ווען דאס שטעטל איז געבויעט געווארן אונטער דעם שאטן פון רדיפות און שיקאנירונגען, און וויאזוי די געטרייע שלוחים פון רביה"ק זי"ע מייסד הקרי' האבן גענוצט די ריכטיגע תכסוסי השתדלות צו ערמעגליכן די אויפבוי און וואוקס פון די עיר ואם בישראל.**

### אלזא, פארציילט אונז רבי חיים הערש, וויאזוי זענט איר אריינגעקומען אין בילד מיט די עבודת הקודש פון בויען קרית יואל ?

איך האב ב"ה געהאט די זכי' צו ארויסהעלפן מיט'ן זוכן א שטעטל שוין אין די כ' יארן, אין די געזונטע יארן פון רביה"ק זי"ע, ווען דער רבי האט כסדר פארלאנגט און געמוטיגט אז ער וויל האבן אן אייגענעם שטעטל. עס זענען דעמאלט געווען די חשוב'ע ראשי הקהלה און עסקנים וועלכע האבן עוסק געווען דערינען, און איך בין אויך געווען צווישן זיי, זייענדיג באקאנט אין דעם פעלד פון 'לענד דעוועלאפמענט'. מען איז כסדר אראפגעפארן אויף פארשידענע מקומות אבער למעשה איז געווען לא אסתייעא מילתא, ווי באקאנט.

הערשט נאכדעם וואס דער רבי זי"ע איז אוועקגעפאלן מיט'ן שווערן סטראוק האט מיך דער רבי געלאזט רופן און ממש זיך געבעטן אז איך זאל אים העלפן צושטאנד ברענגען דעם שטעטל מכח אל הפועל. דער רבי האט דעמאלט אויך איינגעשפאנט דעם ראה"ק, הרה"ח רבי לייבוש לעפקאוויטש ע"ה, וואס האט אסאך ארויסגעהאלפן מיט געלט און באגלייטונג.

זעהנדיג ווי שטארק דאס גייט פאר'ן רבי'ן אין לעבן אריין האב איך זיך טאקע אריינגעווארפן מיט מיין גאנצע הארץ און כח צו ממלא זיין רצון צדיק, מען האט געבישטערט פאר א גוטן פלאץ און מען איז אסאך ארומגעפארן טרעפן א פאסיגע ארט וואו מען זאל קענען בויען א שטעטל פאר אונזער ציבור.

אבער יעדעס מאל האבן די ראה"ק געטראפן אנדערע פראבלעמען און חסרונות פארוואס דאס פלאץ איז נישט געאייגנט און ס'איז געווארן צענישט.

יעדעס מאל וואס מיר האבן געהאט א דורכפאל האט אונז דער רבי מחזק געווען און ממש געבעטן אז מען זאל נישט ווערן געפאלן נאר מען זאל ממשיך זיין צו זוכן, מיר האבן שוין געוואלט טויזנט מאל אויפגעבן אבער דער רבי מיט זיינע שוואכע כוחות האט נישט געלאזט און האט כסדר פארלאנגט און זיך נאכגעפרעגט וואו מען האלט אויף דער וועלט.

נאך מערערע דורכפעלער בין איך ענדליך אנגעקומען אמאל צו דעם שטאט מאנרא, וואס האט אויסגעקוקט צו זיין א פאסיגע מקום, צוליב פארשידענע סיבות, וואס פאדערט א באזונדערע אריכות.

איך בין שוין געווען זאט פון די אלע פריערדיגע געלעגנהייט ווען מען האט געטראפן חסרונות אויף יעדן פלאץ, איך האב נאר מורא געהאט אז די עלטערע ראה"ק וועלן האבן טענות אז דאס פלאץ איז צי ווייט פון דער שטאט, האב איך איין זונטאג אינדערפרי, ווען די ראודס זענען ליידיג, גענומען אין דער קאר די אלע אידן וועלכע האבן עוסק געווען צו טרעפן א שטעטל, און געפארן קיין מאנרא. איך האב אזוי מאנעווירט אז דער וועג פון יוז סטריט, וואו ר' לייבוש לעפקאוויטש ע"ה האט געוואוינט, ביז מאנרא, האט געדויערט א קנאפע 50 מינוט... אזוי האבן זיי געזען אז ס'איז גארנישט אזוי ווייט, און מען האט ענדליך מסכים געווען אז דארט זאל געבויעט ווערן דעם רבי'נס שטעטל.

איך האב זיך דאן געטראפן מיט א בראקער, מר. איגאר, און ער האט אונז פארגעשלאגן דעם שטח פון סעקשאן 1 און 2 וואס מיר האבן דעמאלט אפגעקויפט און מען האט זיך געגרייט צו אנהויבן בויען.

דאס גאנצע בוי פראיעקט איז צוגעגאנגען בסודי סודות אז מען זאל זיך חלילה נישט דערוויסן אז דא האנדלט זיך מיט אידן. ס'איז נישט דאס פלאץ אין די ראמען פון א קורצן ארטיקל צו שילדערן די פילע אינטערסאנטע פרטים וויאזוי מיר האבן זיך באהאלטן אונטער א שלייער, דורך אנדערע מענטשן און דורך פארשידענע טאקטיקן, אז מען זאל נישט קומען אויף אונזערע שפירן. ווי שוין ברייט באשריבן אין די ספרים "רצון צדיק" און "קרית מלך רב".

### ווען האט מען אפגעקויפט די שפעטערדיגע שטחים, פון סעקשאן דריי און פיר ?

אה, דאס איז שוין געווען א באזונדערע אונטערנעמונג, וואס האט נישט געהאט אפיציעל מיט די הנהלת הקריה.

נאכדעם וואס מען האט אפגעקויפט די ערשטע שטחים פאר סעקשאן 1 און 2 האב איך דעמאלט אנגעטראגן פאר הרה"ח ר' לייבוש לעפקאוויטש ע"ה, אז מען זאל אויך אפקויפן די שטחים אביסל ארויפציר, דארט וואו מען האט שפעטער געבויעט סעקשאן 3 און 4. ר' לייבוש ע"ה איז אבער געווען זייער סקעפטיש, ער האט געהאלטן אז ס'איז א שאד דאס געלט, הלואי די ערשטע שטח זאל זיך אמאל אנפולן מיט דירות... איך האב פרובירט זיך צו איינבעטן און ערקלערן די תועלת דערפון אבער ר' לייבוש האט נישט געוואלט הערן דערפון.

נאכ'ן זיך דורכרעדן מיט מיין שוואגער יבלחט"א רבי עזריאל גליק ע"ה, בין איך געגאנגען, אינאיינעם מיט הרה"ח ר' משה'לע גליק שליט"א, וועלכער איז אויך געווען פון די אקטיווע עסקנים פאר'ן שטעטל, און מיר האבן אפגעקויפט דעם שטח מיט'ן חשבון אז בעז"ה איין טאג וועט דאס צוניץ קומען צו בויען דארט דירות פאר אידישע קינדער.

שפעטער ווען איך בין געגאנגען בעטן פונעם 'טאון' אז זיי זאלן מיר סובדיווידן דעם שטח פון 'סעקשאן דריי', איז דאס שוין געווען ווען אלע האבן געוואוסט אז מיר זענען אידן, חסידים, און מיר ווילן זיך דא באזעצן. דעריבער האבן זיי דאס אפגעווארפן, פשוט און פראסט, זיי האבן מיר נישט געוואלט ערלויבן צו נוצן דעם שטח אויף צו בויען. דעמאלט זענען געווען די זאונינג געזעצן אז מען קען בויען א דירה אויף אן עיקער, און איך בין געווען ערלויבט צו בויען

45 הייזער אויף דעם שטח, אבער זיי האבן נישט געהאלטן ביים געבן אזא ערלויבעניש.

איך געדענק אז איך בין דעמאלט געווען מיט אונזער לויער ביי די "פלעניניג באורד" פון דער טאון צו בעטן אן אפראוועל, האט זיך איינער פון די באורד מעמבערס אנגערופן "דאס וועט זיין א געיטעט עריע", ד.ה. אז עס וועט זיין אן ארומגעצוימטע פלאץ, א געטא, פאר די חסידים. אלע זיינע קאלעגעס האבן דאס געהערט און האבן אזוי אומאפיציעל צוגעשטימט. דער תמצית הדברים איז געווען אז זיי האבן בשום אופן נישט געוואלט געבן דעם סוב-דיווישן פאר דעם שטח.

אזוי איז אריבער א שטיקל צייט וואס זאכן האבן זיך נישט גערירט אין דער צייט וואס איך האב געוואוסט ביי מיר אז זיי האבן נישט קיין שום לעגאלע רעכט צו צוריקהאלטן דעם אפראוול, אלעס איז געווען געזעצליך הונדערט פראצענט.

**זעהנדיג אז דאס קען נישט אזוי ווייטער ממשיך זיין, און אויף דעם אופן וועט מען קיינמאל נישט קענען בויען א שטעטל כרצון רבינו הק' זי"ע, האב איך גענומען א לויער אין "קאורט" און 'געסערוועד' א 'סאמיס' פאר די באורד דערפאר וואס זיי ווילן אונז נישט געבן דעם סוב - דעווישן, וואס איז קלאר צוליב דעם וואס זיי טוען דיסקרימינירן קעגן אידן.**

**גראדע איז דעמאלט טאקע אויך געווען איינער פון די חברי הקהלה וואס האט זיך געבייזערט אויף מיר אז דאס רייצט אויף די גוים און אידן דארפן זיך נישט אומגיין, אבער איך האב אים דעמאלט ערקלערט אז אויב מיר וועלן לאזן די שונאי ישראל טון וואס זייער הארץ באגערט, וועלן זיי אונז איינשלינגען און ס'וועט נישט זיין במציאות פאר א איד דא צו וואוינען. אודאי איז די ערשטע און וויכטיגסטע שריט צו מקיים זיין דעם תחנונים ידבר רש, אבער ווען מען דערזעט זיך אין אזא מצב ווען מען האט שוין אלעס פרובירט און מען קלאפט זיך אן מיט בלויזע שנאה, דארפן די גוים וויסן אז זיי וועלן ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך אויף זייערע שריט, דאס איז די איינציגע וועג וויאזוי מיר קענען בעז"ה אנגיין.**

און וואס מיינט איר ? עס גייט נישט אריבער קיין צוויי וואכן און זייער לויער רופט מיך אן: "הערמאן, ווי וואנט דא גיוו יא די עפראוול"... די טאון האט פשוט געזען אז זיי קענען נישט טון וואס זיי ווילן און אויב געזעצליך דארפן זיי געבן דעם 'סוב - דעווישן' וועלן מיר שטיין אויף אונזערע לעגאלע רעכטן, נאר אזוי האט עס ב"ה געהאלפן, ווען זיי האבן געזען אז מיר מיינען דא "ערנסט ביזנעס".

הערשט נאכדעם וואס זיי האבן טאקע פולקאם אפראווד צו בויען אויף דעם שטח 45 פעמילי הייזער, דעמאלט האבן מיר צוריק געצויגן די קלאגע פון געריכט. **שפעטער האב איך אויך פארציילט פאר רביה"ק זי"ע די השתלשלות הדברים, פונקט ווי דער רבי האט מיטגעהאלטן אלע פרטים פון דאס קויפן און בויען קרית יואל, און די רבי זי"ע האט שטארק הנאה געהאט אז ב"ה עס רוקט זיך פאראויס די מציאות פונעם שטעטל.**

א צייט שפעטער, ווען דער שטעטל איז שוין ב"ה געווארן א מציאות מיט א הערליכע וואוקס, איז ר' לייבוש געקומען צו מיר זאגן אז למעשה זעהט ער אז איך בין איך גערעכט געווען, יעצט וויל ער שוין אפקויפן דעם שטח פאר'ן שטעטל, האב איך אים געזאגט: "ר' לייבוש איר האט עס! נעמט עס פאר די זעלבע פרייז וואס איך האב דאס געקויפט, איך בעט אייך נישט קיין איין פעני פראפיט, איך האב דאס געקויפט פאר קרית יואל און איך גיב דאס פאר קרית יואל. זכה לו, ס'איז דיינס, איך האב דאס בלויז אפגעקויפט פאר קרית יואל אז עס זאל נישט אריינפאלן אין גוי'אישע הענט".

**אויף יענעם שטח האט מען שפעטער אויפגעשטעלט די צווייטע האלב העיס קט, אלע הייזער אויף עיקערס ראד. די גאסן פון אורשיווא און קראלי און די הייזער אויף יענע האלב סאטמאר דר. וואס איז בליעה"ר פון די שענסטע צענטראלע געגנטער אין קרית יואל. דאס אלעס איז צו פארדאנקען די השתדלות בדרך הטבע פון יענע אנקלאגע אין געריכט.**

**איך מיין אז אזא מעשה זאגט זייער אסאך פאר אייך אין בלומינגראוו, ווען מען וויל וויסן וויאזוי מען דארף זיך אומגיין, געוויס דארף מען צוערשט פרובירן אלע ערליי השתדלות בדרכי נועם, אבער ווען עס קומט צו א מצב ווען מען לאזט פשוט נישט אנגיין, דארף מען אמאל נעמען ערנסטע שריט צו צייגן פאר די שכינים אז זיי מוזן זיך פירן געזעצליך, אנדערש וואלט קרית יואל קיינמאל נישט געקענט געבויעט ווערן בדרך הטבע.**

**רבי חיים הערש, מיר זענען דא אביסל פארקראכן שפעטער מיט די צייט... לאמיר אלזא צוריקגיין צו די ערשטע תקופה ווען מען האט אנגעהויבן בויען קרית יואל אונטער א געהיימע שלייער.**

בשעת דאס בויען האט איר זיך שוין דעמאלט אנגעשטויסן אין פעלער וואו מען איז געווען געצווינגען זיך צו באנוצן מיט שארפערע מיטלען צו אפשטעלן די רדיפות פון די שונאי ישראל ?

בשעת די אקטיווע בוי ארבעט פון די ערשטע הייזער האבן די שכינים נאכנישט געוואוסט אז



פרק ג / ואת יהודה שלח לפניו | פד

חוץ מהם, והציבור הגדול לא ירגישו מכל אשר נעשה עד גמר הדבר.

ע"כ מדברי ר' חיים הערש נ"י

**הצעה בוואשינגטאן וויל**

בימים ההם הציעו מקום נרחב, סמוך לעיר "מאנרא" בדרך ל"וואשינגטאון וויל" שהי' נקרא בשם "לעיק ענד באנגאלא קאלאני", שהי' שם מאה וחמישים דירות לקיץ (באנגעלאס), ובמרכז הי' בית נהדר בנוי לתלפיות, שהי' מוכן לשמש כבית המדרש, ולא חסר שם כלום מלבד כלי ההסקה לחורף שיוכלו לגור בהם בימות החורף, והמוכר קבל על עצמו להכניס מערכת חימום להכשירו לדור בהם גם בימות החורף.

מצד שני שכנגד הרחוב היה גם בית יפה עומד על תלו שראוי להיות מעון לרבינו ז"ל, ובהשקפה ראשונה חשבו כאילו השיגו מטרתם.

כמה עסקנים נסעו לראות את השטח (ביניהם הי' ר' חיים הערש, ר' משה פריעדמאן, ור' ירמי' קאהן), וגם הרבנית הצדיקת תחי' באתה לראות את הבית שעומד מנגד אם הוא ראוי לדירת רבינו ז"ל, אמנם אחרי התבוננות על המקום ראו שאין המקום מוכשר כ"כ, כי ראו שהרבה מהבתים הנם הורבות גדולות הצריכים תיקון יסודי, ונצרך לזה הון תועפות גם לא הי' נראה בעיני הרבנית הצדיקת תחי' הבית שהציעו לרבינו מחמת כמה חסרונות, ולכן החליטו העסקנים שאין זה מקום טוב לבניית הקריה.

ר' לייבוש נ"י והעסקנים לא אמרו נואש ובברכתו של רבינו ז"ל הוסיפו עוד לנסוע ולחפש מקום מוכשר עד אשר נמצא העיר מאנרא ששם נתקיים רצון צדיק רבינו ז"ל.

**פאָטאָסטאַט פון ספר רצון צדיק ווי עס ווערט געשילדערט די ערשטע פלענער פון 'קרית יואל' אין וואַשינגטאָנוויל (די לעיק עין פּראָפּערטי) דאן איז נאכנישט געווען די סאָוט בלומינגראָוו ווילעזש האט מען עס גערופן אויף די נאענטע וואַשינגטאָנוויל**

דאס ווערט געבויעט פאר אידן, האבן מיר דעמאלט געהאט אביסל מנוחה, איך בין געגאנגען פארשטעלט מיט א בארד און א שייטל אויפ'ן קאפ, אזוי האבן דעמאלט אויסגעזען טויזנטער גוים פון די 'היפי' מאוועמענט, וואס איז געווען דאן דער נייער סטייל אין ניו יארק, אזוי אז קיינער האט מיך נישט חושד געווען אז איך בין א איד.

אבער טאקע באלד נאכ'ן בויען, נאך איידער מען האט זיך אריינגעצויגן, איז אונטערגעקומען א פרשה מיט דעם מארגעזש, ווען מען האט טאקע געמוזט אראפשטעלן א פיס כדי נישט צו לאזן צעברעכן אונזער גאנצע הארעוואניע און פלאג.

צו פארשטיין וואס האט דעמאלט פאסירט:

איידער מען האט אנגעהויבן צו בויען די נייע דירות, האב איך באקומען פון די באנק א 'קאנסטראקשאן לאון' פון א מיליאן מיט 750 טויזנט דאלער כדי צו קענען בויען די גארדן הייזער. פארשטייט זיך אז איך האב ערווארטעט אז דאס זאל ווערן איבערגעדרייט אלס א געהעריגע 'פראמינענט מארגעדזש', אבער כדי דאס צו עררייכן האב איך געמוזט זיכער מאכן אז אויף july 1st למספרם, זאלן אלע דירות זיין קאמפליט פארטיג, אלעס זאל זיין גרייט צו קענען אריינמופן, כדי מען זאל קענען באקומען דעם סי. או או. אזוי ארום וועט דער קאנסטראקשאן לאון' איבערגעדרייט ווערן פאר א געהעריגע פראמינענט מארגעזש.

מיר פון אונזער זייט האבן טאקע געארבעט שווער און די דירות זענען געווען פארטיג אין צייט, אבער דא איז אונטערגעקומען א פרישע פאנטשער ווען די היזיגע עלעקטעריק פירמע, או. ענד אר., האט נאך געווארט אז עס זאל אנקומען די עלעקטעריק טראנספארמערס (דאס זענען די גרינע באקסעס אויפ'ן גאס וואס שטעלן צו לעקטער פאר די הייזער), די פירמע וואו זיי האבן דאס באשטעלט האט ארומגעשלעפט מיט דער צייט און דערווייל האבן מיר נישט געהאט קיין לעקטער. די אינספעקטארס האבן אונז קלאר געשטעלט אז אפילו די הייזער זענען טאקע פארטיג אבער אן קיין לעקטער קען מען נישט אריינמופן און דערביער קענען זיי נישט באשטעטיגן קיין סי.או., איך האב פרובירן צו ארבעטן אויף א טעמפארערי סי.או. אבער דאס איז אויך נישט געלונגען.

דאס איז געווען אן ערנסטער פראבלעם ווייל אויב ס'איז נישט דא קיין סי.או. איז נישט דא קיין

מארגעדזש פון די באנק, וואס וואלט געמיינט אן ענדע צו דעם גאנצן שטעטל.

אינצווישן האט פאסירט נאך א פאנטשער וואס איז שיעור נישט געווען די טויט קלאפ פאר דעם גאנצן עתיד פון קרית יואל.

ווען מען אריינגעלייגט די "קיטשען'ס" אין די נייע דירות, האב איך געוואלט לכתחלה מאכן נאר איין סינק אין יעדע קיטשן, אזוי ווי להבדיל אין די גוי'אישע הייזער וואס קומען נאר מיט איין סינק, כדי מען זאל נישט אויפכאפן אז דא גרייטן זיך אידן צו קומען וואוינען.

למעשה האט אבער הרה"ח ר' לייבוש לעפקאוויטש ע"ה, וועלכער האט באגלייט דעם גאנצן פראיעקט, גע'טענה'ט: "ווי קען מען בויען א אידישע שטוב אן קיין צוויי סינקס, פאר מילכיג און פאר פליישיג?" ער איז געווען ביי דער מיינונג אז מען מוז לייגן א צווייטע סינק. איך האב זיך געזארגט אז דאס וועט ארויסגעבן אונזער סוד, האב איך געזאגט פאר ר' לייבוש אז מען וועט אריינלייגן פלאמינג פאר צוויי סינקס און ערשט נאכ'ן אריינמופן זאלן די תושבים זיך אליינס צולייגן דעם אנדערן סינק וואס איז ממש א קלייניגקייט צו אינסטאלירן, פארוואס זאל מען שוין עפענען די אויגן פאר די גוים.

אבער ר' לייבוש האט געשריגן חי וקיים אז מען מוז אריינלייגן צוויי סינקס. אויף מיין טענה אז די שכינים וועלן דורכדעם געוואויר ווערן דעם סוד אז מען בויט דא פאר אידן האט רבי לייבוש האט געזאגט איך זאל מיך נישט אזויפיל זארגן, דער אויבערשטער וועט העלפן מיט'ן זכות פון הייליגן רבי'ן. און דער סוף איז טאקע געווען אז מען האט לכתחלה אריינגעלייגט צוויי סינקס.


צב
פרק ג / ואת יהודה שלח לפניו

לייבוש נ"י, כי חברי וועד עיר מאנרא חפשו קרבתו, ובזה הצליח מאד בכל הופעה.

ע"כ מדברי ר' חיים הערש ליימוידער נ"י.

אחר שנקנה השטח הציעו עוד כמה שטחים מסביב (שאח"כ נבנה עליו סעקשן 3 – 4), ואז קנו ר' חיים הערש נ"י ור' משה גליק נ"י את השטח על שמו של ר' הערשל לעפקאוויטש נ"י (אחיו הצעיר של ר' לייבוש נ"י) שהוא חתם את השטרות בתור בעל הבית של שטח זה. וביקשו מוועד עיר מאנרא רשיון לבנות על שטח זה מספר מ"ב בתים יחידים, ולפי החוק היו צריכין להשיב הן או לאו תוך שלשים יום.

אמנם נתעכבו בעקשנות מליתן תשובה חיובית במשך ב' חדשים, ור' חיים הערש ביקש את ר' לייבוש נ"י שיזמינו את ראשי העיר למשפט על עיכוב הרשיון, שאין להם סיבה צודקת לעכב את הרשיון (סוב דיוויזשען אפראוועל), ראשי הטאון נרתעו לאור התביעה בבית המשפט, ואחר כמה אסיפות רצו שיבטל ר' חיים הערש את התביעה בבית המשפט והסכים לבטלו בתנאי אם יתנו לו את הרשיון.

אחרי שנגמר בנין הקריה והתחילו לעסוק בהרחבת גבולי הקריה מכרו ר' חיים הערש ליימוידער נ"י ור' משה גליק נ"י את השטחים להנהלת הקריה במחיר אשר קנו אותו, כדי לעשות רצון צדיק ולהרחיב גבולי דקדושה, ועליו נבנה סעקשאן 3 – 4.

ולהשלמת הענין יש להוסיף שהאדם החשוב ר' ישעי' (המכונה אסקער) פישער ע"ה השתתף בנדבת לבו בסכומים גדולים לטובת הקריה, וכן הרבה לבוא לרבינו ז"ל ונתן מהונו להחזקת המוסדות ביד רחבה וברוח נדיבה, וכאשר שבת פעם אחת בקרית יואל

**פאָטאָסטאַט פון ספר רצון צדיק ווי עס ווערט געשילדערט די שוועריגקייטן פון טאון אוו מאנראו צו באקומען די אפראוועל'ס און די געריכט גערانגעל איבער דעם**

דעמאלט האט געוואוינט דא אויף פארעסט רד איינער מיט'ן נאמען 'עיב גענען', דער פארשוין איז גראדע ליידער געווען מזרע ישראל, אבער דער איז געווען א געפערליכער רשע, וואס האט אונז שטארק פיינט געהאט און אסאך צרות געמאכט. ער האט באמערקט ווען מען האט דעליווערט די קיטשן קעבינעטס אז ס'איז דא דארט צוויי סינקס, האט ער באלד פארשטאנען אז דא בויעט מען דירות פאר פרומע אידן.

דאס קומענדיגע מאל וואס די אגענטן פון די באנק זענען געקומען פאר אן אינספעקשאן ביי די הייזער, כדי מען זאל קענען באשטעטיגן דעם מארגעזש, איז געווען ארום 7-8 וואכן בעפאר דעם דעדליין פון יולי דער ערשטער. די דירות זענען שוין געווען גרייט, חוץ די עלעקטעריק ווי דערמאנט, אבער דעמאלט איז דער עיב צוגעלאפן צו די באנק אינספעקטארס און ער זאגט זיי: "איך בין דא א שכן, ענק ווייסן פאר וועמען מען בויעט דא ? דאס איז פאר אידן. זיי זענען שווינדלער און באטריגער, איר וועט קיינמאל נישט צוריק באקומען דאס געלט פון זיי".

זיי האבן אים צוערשט נישט געגלייבט אז דא וועלן קומען אידן וואוינען, ווייל ביז איצט האבן זיי דאך נישט געהאט די מינדסטע באווייז דערויף, האט ער זיי אריינגשלעפט אין א דירה און געצייגט אויף די סינקס זאגנדיג: "ווייזט מיר א גוי וואס דארף צוויי סינקס אין דער קאך".

דער עיב האט ווייטער געהעצט די שלוחים פון דער באנק: "ענק זאלן וויסן מיט וועמען ענק האבן צוטון דא, זיי זענען צרה לייט זיי וועלן קיינמאל נישט צאלן קיין מארגערדזשעס, מען קען מיט די מענטשן נישט האנדלן, ווייל מען בריט זיך שטארק אפ, ווער עס האט נאר מיט זיי געהאט צוטון האט ביטער חרטה געהאט, א.א.וו.

ווי געזאגט איז דאס געווען ממש עטליכע וואכן פאר דעם דעדליין צו באקומען דעם מארגעזש און די באנק האט באקומען קאלטע פיס צו די גאנצע זאך, זיי האבן שוין נישט געוואלט געבן פאר אונז גארנישט נאכ'ן ווערן אנגעהעצט קעגן די "חסידים". און דא האב איך געוואוסט אז אויב איך קלאוז נישט ביז יולי דער ערשטער איז דער מארגעדזש אין דיפאלד, די באנק האט קלאר געזאגט אז זיי וועלן עס נישט פארלענגערן און אלע בנינים גייען אויף פארקלאוזשער.

די צייט האט זיך גערוקט, עס איז שוין געווארן יוני דער ערשטער, פיר וואכן איידער דעם דעדליין, און איך באקום א טעלעגראם פון דער באנק מיט א מעלדונג אז אויב איך וועל נישט קלאזן ביז די באשטימטע צייט בין איך אין דיפאלד. עס איז מיר געווען שווארץ פאר די אויגן. עס האט ממש אויסגעקוקט ווי די גאנצע הארעוואניע צעפאלט.

מען האט פרובירט אלע ערליי שתדלנות מיט גרויסע מארגעזש קאמפאניס און אדוואקאטן, אבער די באנק איז געווען אנגעהעצט קעגן אונז און זיי האבן דאס נאר געוואלט ארויסשטעלן אויף פארקלאוזשער.

**ליינט קומענדיגע וואך בעז"ה ווייטערדיגע אויטענטישע שילדערונגען איבער די אינטערסאנטע אנטוויקלונגען בראשית ימי קרית יואל און איבער די דרכי ההשתדלות בחייו פון רביה"ק זי"ע**

## אַדאַנק העפטיגע אינטערווענצן און באַגלייטונג פון "יו.זשעי.סי.":



# פּאַקטישע בוי-אַרבעט צוריק איינצושטעלן וויכטיגן "שאָרטקאָט" שוין אַריין אין קראַפט צום פרייד און עקסטאַז פון אַלע איינוואוינער

### יו.זשעי.סי. באַדאַנקט געטרייע איינוואוינער וועלכע האָבן זיך צוגעשטעלט מיט ברייטהאַרציגער פינאַנציעלער און פּראַקטישער הילף צו קענען דורכפירן דעם פּראָיעקט

### בוי-ארבעט ווערט געניטערהייט געפירט דורך ידידינו 'בונה ומקים' הנגיד ר' אברהם אבא גרינהוט הי"ו מחשובי תושבי העיר פון די 'יוניק בילדערס'

אין די סעריע פון:

אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ...

# השתלשלות השתדלנות

## דאָקומענט #3

**פרידליכע פאַרלאנג דורך "יו. דזשעי. סי." זיך צו דורכשמועסן בדרכי נועם, ווערט ציניש אפגעווארפן דורך דעם מעיאר.**

באלד נאך די עטאבאלירונג פון דעם 'באורד', ווען די אידישע איינוואוינער אין בלומינגראוו האבן איינשטימונג ערוועלט זייערע געטרייע שלוחים וועלכע זאלן זיי פארטרעטן פאר די ווילעדזש באאמטע, האט דער 'באורד' זיך געווענדן מיט א באשיידענע ביטע צום מעיאר, אז מיר קוקן ארויס זיך צו טרעפן מיט אים אויף א פריוואטן פארנעם און זיך צונויף שמועסן פאר די עתיד פון אונזער געגנט, דערמיט צו גלייכצייטיג שאפן א געזונטע קאמיוניקאציע און פארשטענדעניש צווישן ביידע צדדים, וואס אלע וועלן בעניפטירן דערפון.

צום גרויס באדויערן, איז אבער דער אנטווארט געווען ציניש און פארביסן. בלויז עטליכע טעג דערויף האט דער 'באורד' ערהאלטן אן ענטפער פונעם מעיאר, מיט לעכערליכע און זינלאזע מאכינאציעס און אויסריידן, פארוואס ער שפירט נישט פאר וויכטיג זיך צו אראפזעצן פארהאנדלען מיט די אידישע געמיינדע פארטרעטער.

ווי עס ווערט געזען אין דעם בייגעלייגטן פאטעסטאט האט דער מעיאר באלד אנגעהויבן ווארפן מיט תירוצים און 'סיבות' פארוואס ער קען זיך נישט טרעפן מיט'ן באורד.

צוערשט וויבאלד אין דעם ספעציפישן דאטום - ווען דער באורד האט געבעטן א מיטינג - איז ער שוין פארנומען. צווייטנס, וויבאלד די ווילעדזש זיצונגען מוזן אפגעהאלטן ווערן אין דעם 'ווילעדזש האלל' און דריטנס, וויל ער פערזענליך אויך זיך נישט טרעפן מיט'ן באורד אויף א פריוואטן רואיגן אופן, נאר עס מוז זיין אויף א פובליק פארנעם.



-------- Original Message --------
Subject: Re: UJC Introduction Meeting
From: James Lofranco <mayor@villageofsouthbloominggrove.com>
Date: Sun, December 01, 2019 12:58 pm
To: Joel Stern <BoardRep@ujcofbloominggrove.org>
Cc: Clerk <clerk@villageofsouthbloominggrove.com>, jross@villageofsouthbloominggrove.com

Mr. Stern,

Thank you for your kind invitation to attend a Meeting of your Community Board on December 4, 2019 at 5:30PM. Your invitation was dated November 26, 2019 and I just received it the other day. As I believe all good people in our Village know by now, keeping and improving communications between the Village and all Village residents was, is and will be a top priority for my administration. I am the Village Mayor for all in our Village no matter what race, creed, religion, ethnic background or other category. Nevertheless, I respectfully have to decline your invitation for several reasons.

First, Wednesday 12/04/19 has been for a considerable time scheduled as the evening of the Annual Village Holiday Lighting. Therefore, I am already committed for that date and time. Second, your invitation to myself and the Village Board Members to meet outside of Village Hall would (according to our Attorney) violate the New York State Open Meetings Law as a quorum of the Village Board would be present without proper public notice. Third, as Mayor I have previously turned down other invitations to meet with groups outside of Village Hall since the business of our Village must be conducted openly at Village Hall for all to know.

Nevertheless, I do extend my invitation to meet with you and any others at Village Hall. I am available to address all concerns of all Village residents and welcome the opportunity to do so at Village Hall. My invitation extended to you has been accepted by many residents, property owners and groups in the past. I hope that you and other appropriate members of your Organization can schedule a time to meet at Village Hall in the future. I look forward to your response.

Kindest Regards

James A. LoFranco
Mayor

Village of South Blooming Grove
P.O. Box 295
Blooming Grove, New York 10914

## דאָקומענט #4

**די באשיידענע געבעטן פאלן אויף טויבע אויערן; דער מעיאר איז אנטשלאסן נישט צו זיצן מיט די אידישע פארטרעטער**



-------- Original Message --------
Subject: RE: UJC Introduction Meeting
From: Mayor <mayor@villageofsouthbloominggrove.com>
Date: Fri, December 06, 2019 10:29 am
To: Joel Stern <BoardRep@UJCofBloomingGrove.org>
Cc: Clerk <clerk@villageofsouthbloominggrove.com>, John Ross <jross@villageofsouthbloominggrove.com>, Alex Marchione <[illegible]>

Dear Mr. Stern:

Thanks for your recent e-mail. As I advised, I have made myself available to meet with all Village Residents at Village Hall and meeting with you will be no exception to my policy. You should know that my policy has always been to meet with 2 or 3 residents at one meeting so there can be a productive and focused meeting. I also welcome any literature or information that you wish to provide before any Meeting to assist in addressing as well as "understanding" any "issues" that you referenced in your e-mail of December 3, 2019.

Additionally, I have been advised by our Police Chief that he is available to meet with you and 2 or 3 others at Village Hall sometime in the afternoon on December 12, 2019. I can reserve time also to meet then if sufficient confirmation of the time is provided to myself and the Police Chief in advance of the meeting.

Finally, as you may know, I regularly meet with many residents of the Village, including Jewish residents. Contrary to what you have led me to believe, I was not presented with a [illegible] that you or others in your organization have been "elected" to act as any "official" spokespersons for them. I thought it only fair that I share this information with you.

Best regards,

James A. LoFranco
Mayor

Village of South Blooming Grove
P.O. Box 295
Blooming Grove, New York 10914
(845) 782-2600
(845) 782-2601

From: Joel Stern [mailto:BoardRep@UJCofBloomingGrove.org]
Sent: Tuesday, December 03, 2019 1:58 PM
To: Mayor <mayor@villageofsouthbloominggrove.com>
Cc: Clerk <clerk@villageofsouthbloominggrove.com>; John Ross <jross@villageofsouthbloominggrove.com>; [illegible]
Subject: RE: UJC Introduction Meeting

Mr. Mayor:

We would be happy to meet with you and other local officials to start an official dialogue between our organization, as the duly elected representatives of the Jewish community in South Blooming Grove to the Village and Town, at Village Hall, or other site you deem proper.

The purpose of our organization is to ensure that the entire Jewish community is well represented in its municipal government and that you as a government official, have a good understanding of what issues are affecting all of the residents in the Village. It is important, therefore, that we have a formal introduction meeting where we can introduce ourselves, explain our role, and begin what we hope will be very productive conversations over the coming years.

Please let us know when in the coming weeks will work best to schedule that meeting.

We look forward to working with you.

Respectfully,

Joel Stern
Community Board Representative

נאכ'ן ווערן אזוי בייזוויליג אפגעווארפן פרובירט דער 'באורד' ווידעראמאל צו פארזעצן א פרידליכע דיאלאג מיט'ן מעיאר און די לאקאלע ".

אין דעם בייגעלייגטן ווענדונג שטרייכט דער 'באורד' אונטער אז פון אונזער זייט זענען מיר גרייט זיך צו טרעפן סיי וואו, אין דער ווילעזש האלל אדער אין יעדע אנדערע ארט וואו דער מעיאר זעהט פאר ריכטיג. אין דעם בריוו ווערט ערקלערט מיט'ן גרעסטן דרך כבוד וואס איז אונזער ציל: צו פארזיכערן אז די אידישע געמיינדע אין בלומינגראוו ווערט יושר'דיג אדרעסירט און און אז די ווילעזש באאמטע זאלן פארשטיין אונזערע געברויכן.

די 'באורד' בעט זיך אז עס זאל באשטימט ווערן א זיצונג וואו מיר זאלן האבן די געלעגנהייט זיך צו אינדארסירן, ערקלערן אונזער ראלע און אנהויבן א פראדאקטיווע צוזאמענארבעט פאר לאנגע יארן.אבער נאכאמאל איז דער אנטווארט געווען הארטנעקיג און ציניש באגלייט מיט שפיזיגע באמערקונגען און הוילע רעטאריק.

אנשטאט אקעגן קומען די פרידליכע פארלאנגען רעאגירט דער מעיאר אז: 1) ער איז זיך נישט גרייט צו טרעפן מיט'ן גאנצן 'באורד', נאר בלויז מיט יחידים. 2) ער טרייבט ביליגע ליצנות פון דעם 'באורד' כאילו ער קען נישט "פארשטיין" פון וואס פארא סארט "טעמעס" מיר באציען זיך. 3) און צום לעצט שטעלט דער מעיאר קלאר אז ער אנערקענט נישט די לעגיטימיטעט פון דעם 'באורד' און פרובירט צו אראפמאלן א בילד כאילו דער ציבור תושבי בלומינגראוו איז צעטיילט און צעזייט און דעריבער האט דער 'באורד' נישט קיין אפיציעלע סטאטוס אדער קראנטע פארטרערשאפט פונעם ציבור.

פאלגט נאך אין די קומענדיגע אויסגאבעס, איבער די ווייטערדיגע "השתלשלות השתדלנות, וויאזוי די געטרייע שלוחי הציבור האבן איינמאל און נאכאמאל פרובירט - מיט אלע סארט דרכי הכנעה והשתדלות - צו טרעפן א געמיינזאמע שפראך און זיך דורכקומען בדרך שלום והכנעה, וואס איז אבער צום באדויערן נאכאנאנד אפגעווארפן געווארן אויף א פרעכן פארנעם מיט אַן אפענע העסליכע דיסקרימינאציע און שנאה קעגן די אידישע שטייער - צאָלער און איינוואוינער.

**אֲנִי שָׁלוֹם וְכִי אֲדַבֵּר, הֵמָּה לַמִּלְחָמָה.**

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירנו שהשמחה במעונם

כ"ק **אדמו"ר מזמיגראד** שליט"א
לרגל שמחת בר מצוה של נכדו בנש"ק ני"ו
אצל בנו **הרב חיים שלמה** שליט"א

הגה"צ **אבד"ק ראדוויץ** שליט"א
לרגל הולדת נכדו
אצל חתנו **הרב נטע כ"ץ** שליט"א

מוה"ר **יואל וואלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו

מוה"ר **חיים ווינטערניץ** הי"ו
לרגל הולדת בנו

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת

ברכה
**צאתכם לשלום**
לכ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א
לקראת מסע הקודש לארה"ק
כי בשמחה תצאון ובשלום תובלון

# בלומינגראוו קלאסיפיידס
# BLOOMING GROVE CLASSIFIEDS

צו אדווערטייזן אייער ביזנעס קלאסיפייד עד בחנם שרייבט צו:
BGVoice@UJCofBloomingGrove.org

Fresh Eggs - Wholesale & Retail Spitzer 845-782-1307

Helpert Drawing - E. S. Helpert (845) 467-7039

Schwartz Appliances Repair - (845) 537-0328

CTI Construction - Just call 845-442-2CTI (284)

aklee Products - S. Weiss 845.782.8068

לכו והתפרנסו זה מזה: ביזנעסער און סערוויסעס פון בלומינגגראוו איינוואוינער

ב"ה

# בידמ"ד חכמת שלמה קאזאוועץ

## כי ביצחק יקרא לך

בקול רנה ותודה, נרימה קול תרועה, ונברך בזה ברכת מזלא טבא, משמי מרומא עילאה, קדם האי גברא יקירא, האי גברא יקירא ומפואר, כביר ונאור, במדות ומעלות מעוטר, כשמש בצהרים מאיר, הרב המפולג בתורה, עושה אורה ביראה טהורה, עומד בראש בית מדרשינו תהלה לישרים, ברוחו פי שנים, אהבת תורה ויראת שמים, פה מפיק מרגליות ופנינים, להשמיע בתוך רבים דברי תורה, ולעמוד על קדושת בית מדרשינו לתפארה, בנן של קדושים וטהורים, ה"ה

הרב הגאון רבי

# יצחק אייזיק הלוי ראטטענבערג
שליט"א

## רב דבית מדרשינו

בית הלוי נעימות זמרו
לרגל השמחה הגדולה השורה במעונו

## בהולדת בנו ולהכניסו בבריתו של אאע"ה למזל טוב

ונתנו ידידים זמירות שירות, ויתן ה' ויראה רב תענוג ונחת דקדושה, במדה גדושה, רב ברכות ושובע שמחות, מכל יוצ"ח זרע ברך ה', בבריות גופא ונהורא מעליא, ומשמים ממעל יוסיפו לו רב אונים ואמיץ כח, להרבות פעלים לתורה ולתעודה, בחדות ימים ושנות עולמים, ואך טוב וחסד ירדפוהו כל ימי חייו, וימלא ה' כל משאלות לבבו לטובה ולברכה, עדי נוושע במהרה ויעלו להר ציון מושיעים, בביאת גואלינו משיח צדקינו בב"א

המברכים לעומתו, משבחים פעולתו, שמחים בשמחתו

## מתפללי בית המדרש




SPONSORS

MEFOAR מפואר FINE JUDAICA

DONE RIGHT.

Printout for BUSINESS

# שטימע קאסטן
## בריוו צו דער רעדאַקציע

התנצלות

מיר טוען זיך אנטשולדיגן אז צוליב מאנגל אין פלאץ איז געווען אוממעגליך צו דרוקן די בריוו וואס איז אריינגעשיקט געווארן צו די רעדאקציע, מיט חשוב'ע הערות וואס קען זיין אינטערעסאנט פאר'ן ציבור,

האפנטליך אין קומענדיגן נומער, וועט עס געדרוקט ווערן

ואתכם הסליחה

שרייבט צו דער רעדאַקציע:
BGVoice@UJCofBloomingGrove.org